# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**מהדורת אחת שאלתי**

**לע"נ הרה"ח ר' חיים שמואל מאיר ב"ר יצחק פינחס וואלהענדלער ז"ל**

נלב"ע כ"ב שבט תשע"ב לפק

## פרשת פקודי

# די תורה איז די הארץ פון כלל ישראל

**פרנס השבוע**

נתנדב ע"י

הרבני הנגיד הרה"ח **ר' אברהם שלום קליין** הי"ו

לע"נ העלמה נפש עדינה

**מלכה** ע"ה בת יבל"ח הרב **אברהם שלום** נ"ו

• • •

זיכוי הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים, ומשתתפים בהדפסה, והפצה,
שיזכו לראות רב נחת מכל יוצ"ח ולהתברך בכל מילי דמיטב.

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלעכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשש

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**


בשריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש


© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*



**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת פקודי

שנה ג׳

# די תורה איז די הארץ פון כלל ישראל

## תוכן:

חלק א׳. א פייער ווערט אויפגעפלאמט - חלק ב׳. דאס פייער ברענט נאך - חלק ג׳. הייבן דעם פאקל

## חלק א׳. א פייער ווערט אויפגעפלאמט

### דער ארון אין קדשי קדשים

**ויהי בחודש הראשון בשנה השנית באחד לחודש הוקם המשכן**, און עס איז געווען אין דעם ערשטן חודש, דאס צווייטע יאר אין ערשטן טאג אין חודש איז דער משכן געווארן אויפגעשטעלט. דער גרעסטער טאג פון די היסטאריע איז ענדליך אנגעקומען. א׳ ניסן איז דער משכן השם פארטיג געווארן. די אנוועזנהייט פון השי״ת וועט יעצט רוען צווישן די אידן. דער משכן וועט פון היינט אן זיין דער פלאץ וואו דער אויבערשטער וועט זיך באווייזן אויף דער וועלט, אזוי ווי ער האט צוגעזאגט, ושכנתי בתוכם, איך וועל רוען צווישן אייך.

און וואס איז די ערשטע זאך וואס משה רבינו האט געטון, נאכ׳ן אויסשפרייטן דעם דאך איבער׳ן משכן? ער האט אויפגעשטעלט דעם קודש הקדשים, דער הייליגסטער פלאץ אויפ׳ן כדור הארץ; דער פלאץ וואו די אנוועזנהייט פון השי״ת וועט רוען דאס מערסטע. די שכינה וועט יעצט רוען צווישן די אידן, אבער נאכמער וועט זי זיין אנוועזנד אינעם משכן. און וואו וועט זיין דאס הייליגסטע פלאץ פון די שכינה? אינעם קדשי קדשים.

אויב מען וואלט מיר געפרעגט, וואס איך וואלט אויפגעשטעלט אין דעם צימער וואו די שכינה וועט רוען, וואלט איך מיט מיין פשוט׳ער פארשטאנד געזאגט, א שטול - א הערליכע גאלדענע שטול, עפעס אויסערגעווענדליך פרעכטיג, פלאצירט אין דעם צענטער פון קדשי קדשים; און דאס וואלט סימבאליזירט דער כסא הכבוד, דאס פלאץ וואו השי״ת ברענגט אראפ זיין אנוועזנהייט אויף דער וועלט.

ניין! אויסדריקליך נישט דאס! השי״ת האט אנדערע פלענער פאר׳ן קדשי קדשים, **״וַיִּתֵּן אֶת הָעֵדוּת אֶל-הָאָרֹן... וַיָּבֵא אֶת הָאָרֹן אֶל הַמִּשְׁכָּן... וַיָּסֶךְ עַל אֲרוֹן הָעֵדוּת כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה׳ אֶת מֹשֶׁה...** דער אויבערשטער האט באפוילן, אז אין דעם הייליגסטן ארט פונעם משכן, דער צימער

וואס סימבאליזירט צו זיין דער ארט אין דעם וועלט, זאל מען לייגן צוויי שטיינערנע לוחות אויסגעקריצט דורך דער האנט פון השי"ת, און דערנאך אריינטון די תורה וועלכע איז צוזאמגעשטעלט געווארן מיט די לוחות (דברים לא. כ"ו)

## די בארג סיני אין די משכן

דאס איז וואס דוד המלך זאגט אין תהילים (סח י"ח), "ה' בם," השי"ת האט זיך בעזעצט צווישן עם ישראל און ווי אזוי האט ער עס געטון? **"סיני בקודש"** - ווייל הר סיני איז יעצט אין דער משכן. דער גרויסער טאג פון מתן תורה געפונט זיך יעצט אינעם קדשי קדשים. דער הייליגער ארט איז די הארץ פון כלל ישראל און דעם אויבערשטנ'ס לוחות וועט זיין ביים הארץ פונעם משכן.

וואס מיר לערנען דא איז, אז צוגרייטן א הויז פאר השי"ת צו רוען צווישן אונז, מיינט צוגרייטן א היים פאר די תורה צו רוען צווישן אונז. און דער גאנצער משכן איז פאקטיש א צייכן פון געטריישאפט צו השי"ת. דעריבער, אנשטאט א שטול פאר השי"ת צו רוען זיין אנוועזנהייט, איז דער אויבערשטער אנטפלעקט אויף דער וועלט דורך זיין תורה. און כלל ישראל אין מדבר, האבן געלעבט מיט דער איבערצייגונג.

## וואס האבן זיי געטון א גאנצן טאג?

איך וועל עס בס"ד מסביר זיין. מיר דארפ'ן זיך פרעגן, וואס האבן די אידן געטון אין מדבר פאר פערציג גאנצע יאר? עס זענען געווען דארט א מינימום פון צוויי מיליאן מענטשן אין מדבר און זיי זענען דארט געווען פאר פערציג יאר! און עס איז געווען פערציג יאר אן קיין דאגות פון פרנסה. זיי האבן געגעסן וואס איז געפאלן פון הימל; זיי האבן נישט געמוזט גיין ארבעטן צו באקומען א 'פעי-טשעק'!

האבן זיי געדארפט אקערן זייערע פעלדער? ניין, עס זענען בכלל נישט געווען קיין פעלדער אין מדבר. און נישט נאר וואס מען האט זיך נישט געדארפט זארגן פאר פרנסה נאר עס זענען נישט געווען שונאים וואס זאלן זיי טשעפען; זיי זענען געווען מער פארזיכערט וואו סיי וועלכע תקופה אין אונזער היסטאריע. וועסטו זאגן דיינע השערות, אפשר זענען זיי ארומגעפארן? ניין, זיי האבן שטענדיג געוואנדערט אינאיינעם; קיינער איז נישט אוועקגעפארן צו די קאנטרי. קיינער האט נישט געמאכט קיין וואקאציע אין פלארידע! זיי זענען געווען אינדערהיים אויף פסח און אויף זוממער. מיר האבן קיינמאל נישט געהאט אזא פערפעקטן לעבן - אזויפיל רואיגקייט, ווי מיר האבן געהאט אין די פערציג יאר.

אהה, רואיגקייט! איז וואס האבן זיי געטון א גאנצן טאג? מיט וואס זענען זיי געווען פארנומען פאר פערציג יאר? זענען זיי געגאנגען אין טיאטער? אפשר האבן זיי געשפילט מיט א שטעקן און באלי, צו דערגרייכן האומראנ"ס? ס'איז שווער זיך פארצושטעלן דאס; פערציג יאר פון גארנישט טון נאר האבן וואקאציע!

## פערציג יאר אין כולל

קענען מיר פארשטיין פון דעם, אז פאר פערציג יאר האבן זיי גארנישט געהאט וואס צו טון

נאר צו לערנען די הייליגע תורה. דאס גאנצע פאלק איז געווארן איין גרויסע ישיבה. און עס איז געווען א ישיבה וואו מען האט געלערנט יומם ולילה! זיי האבן נישט געהאט קיין צייטונגען צו ליינען אדער ח"ו ראדיא און אנדערע שטותים זיך צו באשעפטיגן. אפילו אויב איינער וואלט שוין געלייגט א האנט אויף עפעס נישט אויסגעהאלטן, לאמיר זאגן אז איינער וואלט דערווישט א צייטונג פון דער שכנות'דיגע שבט, פון מדין - וואלט ער זיך נישט געקענט ארויסדרייען פון די עוולה אין מחנה ישראל. דו ביסט געווען אין כולל און יעדער כולל האט א משגיח. און די כולל פון מדבר האט געהאט מער אויפזיכט ווי סיי וועלכע כולל זייט דעמאלט. יעדע ניין אידן האבן געהאט א משגיח וואס האט געהאט אן אויפזיכט אויף זיי - דער שר עשרה, זיי האבן זיך געמוזט אויפפירן ווי עס באדארף צו זיין. און יעדע ניין און פערציג אידן האבן געהאט אן אויבער-משגיח - דער שר חמישים. יעדע ניין און ניינציג אידן האבן געהאט אן אויבער-אויבער משגיח - דער שר מאה. און יעדע ניין הונדערט אידן האבן געהאט אן אויבער-אויבער-אויבער משגיח - דער שר אלפים. דו האסט זיך נישט געקענט ארויסשמוגלען פון דער ארמיי פון משגיחים. און משה רבינו האט פארזיכטיג געהאלטן א וואכזאם אויג אויף דער גאנצער פראיעקט - די ישיבת המדבר!

אבער די משגיחים האבן נישט געהאט גאר א שווערע ארבעט, ווייל עס זענען געווען דארט ערנסטע כולל אינגעלייט. זיי האבן געוואוסט וואס זייער ציל איז, ווייל זיי האבן געוואוסט וואס עס ליגט אינעם קדשי קדשים. קיינמאל אין די גאנצע היסטאריע, איז די תורה נישט אזוי געלערנט געווארן ווי אין די תקופה פון משה רבינו, דער אויסגעצייכנטער תורה-רבי. "און דו זאלסט רעדן די רייד פון די תורה ווען דו זיצט אין שטוב, ווען דו גייסט אין וועג, ווען די לייגסט זיך, און ווען דו שטייסט אויף," (דברים ו, ז) זענען נישט בלויז געווען פסוקים, א מצוה אדער א תשוקה צו לעכצן נאך דעם, נאר ס'איז געווען זייער לעבנ'ס וועג. די אויסשליסליכע באשעפטיגונג ביים דור המדבר איז געווען צו לערנען תורה. דאס פאלק האט פונקציאנירט ווי א גרויסע ישיבה. דער מדבר איז פאקטיש געווען א פערציג יעריגער כולל.

## דער עיקר פון עם ישראל

און עס איז געווען די כולל וואס האט אפגעסטעמפלט וואס עם ישראל וועט זיין לעולם ועד. אין דער מדבר זענען מיר געווארן דער ממלכת כהנים, א פאלק פון תורה לערנערס. און דאס איז געבליבן איינגעקריצט אין די הערצער פון אידישע קינדער אויף שטענדיג. דאס איז מסביר א גמרא וואס איז אומקלאר פאר פיל אנדערע. און די גמרא אין סנהדרין (צב.) שטייט, **"אין שריד אלא תלמיד חכם"**. דאס ווארט 'שריד' - 'א פארבליבענער' אדער 'דער וואס בלייבט איבער', באציט זיך אויף א תלמיד חכם. דאס איז אומפארשטענדליך, פארוואס ווערט א תלמיד חכם אנגערופן, 'שיריים'? ער איז נישט קיין שיריים; ער איז דער 'עיקר פון די מאלצייט'! עס איז פארהאן פארשידענע פשטים אויף די ווערטער, אבער דער פשוט'ער פשט איז, אז אין אנהייב זענען אלע אידן געווען חכמים. דער גאנצער דור המדבר האבן געלערנט אין איין גרויסע כולל און זענען געווען תלמידי חכמים. היינט, ווער עס לערנט נאך תורה איז אן 'איבערבלייבעניש' פון יענע טעג ווען כלל ישראל האט אנערקענט אז דער תכלית פון יעדן איד איז צו זיין א תלמיד חכם.

אין יענע צייט איז לימוד התורה געווען דער אנגענומענער וואקאציע און פארברענג. אין די שפעטערע תקופות איז עס מער נישט געווען אזוי, אז מען זאל אויסנוצן די צייט בלויז פאר לימוד התורה. אבער דעמאלט איז נישט געווען אזא מין זאך ווי דערציילן מעשיות פון מלחמות און אווענטוריסטישע געשעעענישן. עס זענען נישט געווען קיין ספארטן און שפילערייען, פארשטעלונגען און פארוויילונג'ס ערטער. דאס איז געווען אזוי, ווייל מיר האבן געטראפן אלעס וואס מיר ווילן און אלעס וואס מיר ברויכן, אין די רייד פון די תורה, און אין ערציען די קינדער צו זיין אוהבי תורה. דאס ווארט 'אונטערהאלטונגען' עקזיסטירט בכלל נישט אינעם לעקסיקאן פון אונזערע לייט. ווער ברויך האבן ספארטן און נארישע פארוויילונגען פון ליידיגיין, ווען מיר קענען טרעפן סיפוק פון די לוחות הברית און אין דער תורה?

## פארוואס זענען מיר נאכאלץ דא?

דאס האט רבי סעדי' גאון געמיינט ווען ער האט געזאגט, (ספר אמונות ודעות ג:ז) **"אין אומתינו אומה אלא בתורה,"** אונזער פאלק איז נישט קיין פאלק, נאר ווי א תורה-פאלק. דאס מיינט צו זאגן ווי פאלגנד: מיר האבן נישט קיין שום רעכט צו עקזיסטירן. מיר וואלטן שוין לאנג געזאלט זיין א פארגאנגענהייט. וואו איז אדום? זיי זענען שוין לאנג פארשוואונדן פונעם האריזאנט. וואו איז עמון? פארשוואונדן. וואו איז די אמאליגע מצרים? א פארגאנגענהייט! די אמאליגע גריכלאנד איז מער נישטא, זייער גאנצע היסטאריע איז באגראבן אין דער ערד. דו וועסט דארפן אסך שאוולען און פיל שוויצן צו קענען זען עפעס פון די אמאליגע פעלקער.

דעריבער, פארוואס זענען מיר נאכאלץ דא? מיר זענען אויך פון די אמאליגע פעלקער, פארוואס זענען מיר נישט געגאנגען צוזאמען מיט זיי? דער ענטפער איז אז מיר זענען דא נאר צוליב די תורה. די ערליכע אידן לערנען די תורה מיט איר גאנצע טיפקייט און נאר דערפאר איז נאך דא אן עם ישראל. און דאס איז פשט פון דער מאמר, מיר זענען א פאלק פון תורה און נאר דערפאר עקזיסטירן מיר נאכאלץ. די מצוות זענען הערליך, ס'איז זייער א שיינע זאך! אבער עס איז די לימוד התורה וואס אינדענטיפיצירט עם ישראל; עס איז אונזער אטעם צום לעבן, אונזער וועג צום לעבן. מיר זענען א פאלק פון תורה לערנערס, דערפאר זענען מיר לעולם ועד. דער אויבערשטער איז לעולם ועד, זיין תורה איז לעולם ועד, און מיר לערנען אין זיין תורה לעולם ועד!

## דער פארשטעלונג אין מתיבתא

דאס איז מסביר עפעס אומפארשטענדליך וואס מיר באמערקן ווען מיר לערנען פון אונזער היסטאריע. מיר ווייסן אז אין בבל זענען געווען גרויסע מתיבתות, גרויסע ישיבות וואו די חכמים זענען זיך צוזאמען געקומען צום לערנען און איבערגעבן שיעורים. עס איז געווען א מתיבתא אין סורא וואו רב האט געוואוינט און עס איז געווען נאך א מתיבתא אין נהרדעא וואו שמואל האט געוואוינט; צוויי גרויסע ישיבות וועלכע זענען געווען דער צענטער פון די אידן און עס זענען געווען נאך ישיבות אין בבל וועלכע האבן פונקציאנירט.

אבער די מתיבתא איז נישט געווען א פלאץ וואו מען האט בלויז געלערנט תורה און געהערט שיעורים. אין די מתיבתא איז פארגעקומען אן אינטערעסאנטע איבערלעבעניש. אלעס איז

געטון געווארן מיט אן אויסגערעכנטע פראצעדור. זיי פלעגן אריינמארשירן אין דער בית המדרש ביים אנהייב פונעם שיעור, די חכמים האב צוערשט אריינמארשירט, דערנאך האבן די תלמידים אריינמארשירט אונטער זיי, און יעדער איז צוגעגאנגען צו זיין פלאץ; יעדער האט זיך געהאט זיין באשטימטע פלאץ. און עס זענען געווען באשטימטע מענטשן וואס האבן אויסגערופן, "די חכמים קומען יעצט אריין!" סאיז געווען ממש ווי א פארשטעלונג. מיט דעם האבן זיי אנגעהויבן די מתיבתא.

און דאס איז נישט נאר פארגעקומען ביים אנהייב פון א נייער זמן, נאר יעדן טאג עקסטער איז געווען אזוי. דאס איז געטון געווארן ווי א געוויסע קעניגליכע פראצעסיע, מיט געוויסע פארמאליטעט און מעלדונגען.

להבדיל, אזוי ווי אין קאנגרעס אדער אין א קעניגליכע פאלאץ. דאס איז אויסגעפירט געווארן מיט די גרעסטע שעצונג צו דער פלאץ פון די תורה און עם ישראל. אין מדבר, וואו מען האט קלאר געזען דער משכן, און אלע האבן געוואוסט אז אין דער צימער וואו השי"ת האט אויסגעקליבן צו רוען, ליגן די לוחות און דער תורה, האט דאס גאנצע פאלק געלעבט מיט א טאפנדיגע פארשטאנד אז עס איז די לימוד התורה, וואס איז דער עיקר ציל פון אונז. יעדער האט געלערנט תורה. עס איז פאר קיינעם נישט בייגעפאלן עפעס אנדערש. און כדאי צו פאראייביגן דאס פייער פון תורה, האבן די אידן געדארפט איבערלעבן מיט די אייגענע אויגן די מלכות פון דער תורה. דעריבער, האט די מתיבתא פונקציאנירט מיט מלכות און כלל ישראל האבן זיך געלערנט אז די אריסטיקראטישע לייט זענען די וואס לערנען די הייליגע תורה אין בית המדרש.

## כלל ישראל ווערן פארהערט

אויך אין בבל האבן זיי אויפגעשטעלט די ירחי כלה צוזאמען מיט די מתיבתא. צוויי מאל א יאר איז געווען א **ירחי כלה**, א קידוש השם אויסער אלע גרעניצן. כמעט אלע אין בבל זענען געווען פארמערס און ווען דער סעזאן האט זיך געענדיגט, צוויי מאל א יאר, זענען צענדליגער און טויזנטער געקומען צו גיין צו דער מתיבתא. דאס שטעטל איז געווען איבערגעפולט מיט אידן. מען איז געשלאפן אויפ'ן גאס און אויף די דעכער, אין די קעלערן, און זיי האבן געלערנט די גאנצע צייט. דעם גאנצן חודש האבן זיי געלערנט תורה. און די חכמי התורה זענען דארט געווען זיי צו פארהערן, צו מאכן זיכער אז זיי קענען טאקע. אויב מען האט געהאט קשיות האבן זיי געפרעגט. אלע האבן געלערנט די זעלבע זאך. עס איז געווען א סצענע צו בייוואוינען. זיי האבן אלע געלערנט די זעלבע מסכתא און די חכמים האבן זיי פארהערט.

און מיר רעדן נישט דא פון קליינע קינדער, זיי זענען געווען ערוואקסענע לייט, מענער אין די פערציגערס און פיפציגערס און אפילו עלטער ווי דעם, מענער וועלכע האבן שוין געהאט א משפחה. פון וואו האבן זיי גע'ירש'נט דאס התלהבות צו די תורה? ווי אזוי האט א פאלק מיט אזוי פיל פארשידענע פערזענליכקייטן: ארבעטער, חכמים, פשוטע המון עם, געלערנטע, רייכע און ארימע צוגלייך, זיך אלע אראפגעלאזט מיט הכנעה צו די חכמי התורה.

## מיר בלייבן שטענדיג ביים בארג סיני

דער ענטפער איז, אז דאס איז נישט עפעס וואס האט זיך אנגעהויבן אין בבל; עס איז שוין

געוואָרן אייגעקריצט אין זייער נשמה זייט דור המדבר. די זעלבע וועג ווי דער דור המדבר האָבן זיך איבערגעגעבן צו משה רבינו, אַזוי אויך זענען די אידן ווייטער געגאַנגען אויף דעם דרך. דעריבער, איז שטענדיג געבליבן אויף זיי אַ געוואַלדיגע השפעה פון תורה לערנען און אַ געוואַלדיגע דעמאָנסטראַציע אַז תורה איז אַלסדינג פאַר כלל ישראל.

אין די אַמאָליגע צייטן, האָט דער התלהבות שטאַרק געברענט, ווייל מען האָט נאָכגעמאַכט דער דור המדבר, ווען השי"ת האָט געוויזן אַז דער צענטער פון דער מחנה, דער מיטל-פונקט פון די אידן איז די לוחות און די תורה. און דאָס פייער האָט ווייטער פאַרגעזעצט צו ברענען ביי כלל ישראל. מיר לעבן מיט סיני און בבל, פון היינט און ווייטער. אונזער לעבן איז אין בבל, נהרדעא, מתא מחסיא, פומבדיתא. אַלע שטעטלעך פון בבל זענען אַ חלק פון אונזער לערנען היינט. מיר זענען ביים באַרג סיני אויף שטענדיג, ווייל מיר לעבן מיט די לוחות און מיט תלמיד בבלי אויף שטענדיג. אַלע ישיבות אין אונזער היסטאָריע, אין ארץ ישראל, בבל, שפּאַניע, צפון אַפריקע, אייראָפּע און אַמעריקע זענען אַלע בלויז די ווידערקלאַנג פון די גרויסע ישיבות אינעם מדבר. מיר זענען פון אייביג אָן אַ פאָלק פון תורה לערנערס.

# חלק ב'. דאָס פייער ברענט נאָך

## גאָרנישט, בלויז תורה

אַמאָליגע צייטן פלעגן די אידישע מענער נישט זיין אינדערהיים ביינאַכט. און זיי זענען נישט געווען ביי די פאַרוויילונג'ס ערטער; זיי זענען געווען אין היכל התורה, אין די שולן. פאַרשטייט זיך אַז די פרויען זענען געווען אינדערהיים. זיי האָבן געהאָדעוועט די קינדער און ווי נאָר די בעיבי אינגלעך האָבן זיך געלערנט צו שטעלן אַ טריט האָבן זיי געמאַכט זייער וועג צום היכל התורה, ווייל דאָס איז וואָס האָט זיי אינטערעסירט. און ווען דער טאַטע און זון האָבן זיך צוריקגעקערט אהיים האָבן זיי מיטגעברענגט מיט זיך אַ געוואַלד מיט תורה. די מאַמע און טעכטער האָבן גאָרנישט געהערט נאָר תורה! דעריבער, איז אַ אידישע גאַס געווען אַ גאַס פון תורה. אַפילו אַ פיינט פון תורה - איך וועל אים נישט באַערן מיט'ן אַרויפברענגען זיין נאָמען - אָבער ווען ער האָט געשילדערט איבער קראָקאַ אין די צייטן פון דעם רמ"א האָט ער געזאָגט, "די קינדער אין גאַס האָבן זיך אונטערגעמורמלט תורה!" און נישט נאָר אין קראָקע איז אַזוי געווען נאָר אין יעדע אידישע קהילה; יעדע שטעטל איז געווען אַ ישיבה-שטעטל.

איך דערמאָן זיך ווען איך בין געווען אַ קליין אינגל אין באַלטימאָר, ווען די נייע אימיגראַנטן האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען. זיי פלעגן מאַכן שפּאַס אַז די שולן זענען פאַרשפּאַרט אינמיטן טאָג. "פאַרשפּאַרט?! וואָלסטו פאַרשפּאַרט דעם משכן? עס זענען נישט פאַראַן קיין אידן וואָס לערנען אינמיטן טאָג אין די שולן?" און ס'זענען נישט געווען די תלמידי חכמים, וואָס האָבן זיך געוואונדערט דערויף; דאָס זענען געווען די פּעדלערס, די אָרימע אַרבעטערס וועלכע האָבן פּרובירט אַפּירצוקראַצן עפּעס אַ פּרנסה. דאָס איז געווען עפּעס וואָס זיי האָבן נישט געקענט באַגרייפן. ווייל אין אייראָפּע אַפילו הונדערט יאָר צוריק, האָבן זיי נאָך נאָכגעמאַכט דער דור המדבר און פאַרשטאַנען דער לימוד וואָס מיר נעמען אַרויס פון משכן. אַ טייל פלעגן קומען אין

שול א גאנצן טאג, אנדערע פלעגן קומען א שעה דא און דארט, אבער אינגאנצן צו פארשפארן א שול?!

אפילו אין באלטימאר האט די התלהבות נאך געברענט. עס איז געווען א שול אין די איסט-סייד פון באלטימאר, די לעלוידס סטריט שול. ווען איך בין געווען בערך פערצן יאר אלט פלעג איך אין אווענט זיצן און לערנען אין דער שול. עס זענען געווען דארט אויסגעלייגט בערך צען טישן, און ביי יעדע טיש זענען אידן געזעצן ארום דעם און געלערנט, יעדער לויט זיין דרגה. זיי זענען געווען אייראפעישע ארימעלייט, רוב פון זיי מיט לאנגע בערד און קאסקעטלעך. זייער פרנסה איז געווען בדוחק, אבער זיי האבן געשעצט די לומדי תורה און זיי אליין האבן געמאכט זיכער צו זיין פון די תורה לערנערס. עס זענען געווען טישן אויף טישן פול מיט אידן וועלכע האבן געלערנט, יעדער זיינע לימודים. יעדע טיש האט געהאט א רבי. ביי איין טיש האט מען פארגעלערנט גמרא און תוספות. ביים טיש דערנעבן האט מען געלערנט גמרא אן תוספות. עס איז געווען א שלחן ערוך טיש און א חומש מיט אלשיך טיש. עס איז געווען א סצענע פון אייראפע, פון בבל. פאקטיש איז עס געווען א סצענע פון ישיבת המדבר, וואס האט גערוט ארום די תורה און ארום די קדשי קדשים.

## נישטא קיין ליידיגע זיץ פלעצער אין שול!

ווען איך האב זיך געפונען אין ליטע האב איך אמאל באזוכט א שול אין א קליין שטעטל. אן אלטער מלמד פונעם פריערדיגן דור האט זיך אנגערופן צו מיר, "פאר די ערשטע וועלט'ס קריג איז געווען א צייט וואס אויב איך בין געקומען אביסל שפעט אין שול דאנערשטאג נאכט, האב איך שוין נישט געטראפן קיין פלאץ צו זיצן. די שול איז געווען געפאקט מיט אידן וועלכע האבן געלערנט ביז שפעט אין די נאכט אריין. יעדע נאכט איז די שול געווען פול מיט אידן וואס האבן געלערנט." ער האט מיר געוויזן א ספר פון תשובת רבי עקיבא איגר, וואס האט באלאנגט פאר דעם שול. די בלעטער זענען געווען אפגעריבן פון נוצן; ביי די זייטן איז געווען אויסגעריבן פון מישן אין ספר; די בלעטער זענען געהאנגען לויזערהייט אז זיי האבן זיך שוין נישט צאמגעהאלטן. איך בין געווען אביסל פארוואונדערט; נאך אלעם איז תשובת רבי עקיבא איגר נישט קיין סידור וואס מען נוצט יעדן טאג. איך האב געפרעגט דעם מלמד, "ווי קען דאס זיין? ווי אזוי איז דער ספר געווארן אזוי אפגעדינט, ס'איז דאך נישט קיין סידור?" דער מלמד האט מיר דערציילט אז אין דעם ספר האט געלערנט אן ארבעט'ס בחור פון שטעטל, יעדע איינציגסטע נאכט. יעדע נאכט, נאך דער ארבעט פלעגט דער בחור קומען דא אהער צום לערנען און דאס איז געווען זיין באליבסטער ספר, אז ער האט עס אויסגעדינט!

אין סלאבאדקע האט מיין חברותא מיר דערציילט אז אין ביערס, זיין היימשטאט אין ליטע איז געווען א חברת משניות וואס איז באשטאנען פון א גרופע פעדלערס. עס איז געווען זייער ביטערע מזל אז זיי האבן זיך געדארפט שלעפן איבער די גוי'שע שטעטלעך, מיט א זאק אויפ'ן פלייצע, צו פארקויפן זייער סחורה פאר די פויערן. אין יענע צייטן האט א איד נאך אויסגעזען ווי א איד. די גוים פלעגן אנרייצן די הונטן קעגן די אידן וועלכע פלעגן דארט אריבערגיין. עס איז געווען א שווערע לעבן, אן אויסגעמוטשעטע וואך פון ארבעט. און ווען זיי האבן זיך ענדליך צוריקגעקערט, צו זייערע פאמיליעס דאנערשטאג-פרייטאג, פאר שבת - וואו האבן זיי צום

ערשט געריכטעט זייערע טריט, ווען זיי זענען ענדליך אהיימגעקומען? אין שול אריין, וואו זיי האבן פארבראכט א גאנצע ליל שישי און געלערנט וואס זיי האבן פארפאסט איבער די וואך. דאס זענען געווען די חברת משניות.

אלס אינגערמאן אין ניו יארק, פאר איך בין געפארן קיין סלאבאדקע, האב איך געזען א זכר פון יענע צייט. איך האב אמאל פרובירט צו פארברענגען א גאצע נאכט מיט'ן לערנען, אין א חסידישע שטיבל אין די איסט-סייד אויף מאנטגאמערי גאס. איך האב זיך פרובירט צו האלטן וואך אבער איך האב געהאלטן אין איין איינדרימלען איבער די גמרא. איך האב ממילא נישט געקענט שלאפן ווייל די פוילישע חסידים האבן שוין אנגעהויבן צו קומען, ווען אינדרויסן איז נאך געווען טונקל. זיי האבן אנגעטון זייערע גארטלעך, אראפגענומען די גמרא'ס און אנגעהויבן צו לערנען אין די פארטאג'ס שעה'ן. און אין די גור'ער שטיבל פלעג איך צוקוקן ווי א ליטווישער איד שטייט און לערנט משניות אויף אויסערוויייניג, א גאנצע נאכט! יעדע וויילע פלעגט ער אריינקוקן אין די אפענע משנה זיך צו דערמאנען. דאס איז געווען א זכר פון דער אלטער דור. אמאליגע צייטן האבן אידן געלערנט תורה!

## די גרעסטע מצוה

עס זענען פארהאן צוויי פסוקים אין משלי: איינס איז, "**כל חפציך לא ישוו בה**" - אלץ וואָס דו ווילסט קען זיך נישט פארגלייכן צו דער תורה" (משלי ג ט"ו) אלע זאכן וואס מענטשן גלייכן פון די וועלט - מענטשן האבן ליב געזונט, זיי האבן ליב כבוד, נחת, לאנגע יארן, עשירות, אבער די אלע זאכן קומט נישט צו צו אייןווארט תורה.

אבער עס איז פארהאן נאך א פסוק, "**כל חפצים לא ישוו בה**" (שם ח, י"א). דא זאגט נישט דער פסוק '**חפציך**' - דיין גליסטעניש; עס שטייט, '**חפצים**' - אלע געוואונטשענע זאכן, אויך אזעלכע זאכן וואס השי"ת וואונטש זיך, '**לא ישוו בה**', קען זיך נישט פארגלייכן צו די תורה. וואס איז פשט? דאס מיינט אז אפילו אלע מצוות פון די תורה קען מען נישט צוגלייכן צו די מצוה פון לימוד התורה (מועד קטן ט:) אוודאי, אויב דו דארפסט טון א מצוה און עס איז נישט דא איינער אנשטאט דיר קענסטו עס טון. דו דארפסט אפשטעלן דיין לערנען און טון די מצוה, אבער די מצות פון די תורה איז נישט אזא מתנה ווי די איין מצוה פון לימוד התורה. '**כל חפציך**', אלע זאכן וואס דו האלסט פאר וויכטיג, '**וכל חפצי שמים**', און אפילו אלע זאכן וואס דער אויבערשטער האלט פאר וויכטיג, אלע מצוות '**אינם שווים לדבר אחד מן התורה**'.

איין שורה תורה איז וויכטיגער ווי אלע מצוות צוזאמען. ווי אזוי איז דאס מעגליך?! ס'איז א חידוש! אלע מצוות אינאיינעם - תפילין, מזוזה ציצית, מצות אום פסח, קרבן פסח, אלע באפעלן פון די תורה, קומט נישט צו צו איין זאך פון די תורה! דו זעצסט זיך אראפ, דו עפנסט א גמרא און דו לערנסט איין שורה - דאס איז א געוואלדיגע שמחה, א געוואלדיגע דערגרייכונג אז דאס שטייגט ווייט איבער אלע אנדערע זאכן. אויב דו קענסט עפענען די גמרא פאר איין שורה זאלסטו וויסן וואס דו טוסט פאר דיר דא אויף דער וועלט. איך זאג נאכנישט אז דו ביסט שוין א תלמיד חכם, דאס נעמט א סך הארעוואניע, אבער דו ביסט שוין א חלק פון די חשובע פון כלל ישראל; דו מאכסט נאך די העכערע קלאס - די בעסערע פון די אידן. דו ווערסט א תורה'דיגער איד; ווייל דאס איז דער ציל פון יעדער איד דא אויף דער וועלט.

## דער כותל אין דיין שבת-צימער

ווייסט דאך, עס איז געווארן די מאדע צו ארומרייזן. מענטשן זענען פארנומען צו ארומפארן, מאכן, טון, באזוכן, און עס בלייבט נישט איבער קיין צייט פאר וויכטיגערע פליכטן. אפילו קיין ארץ ישראל פארן מענטש אהין און אהער. צו וואס? ווער דארף דיר דארט? האסט שוין געטראפן צייט ארומצורייזן אבער נישט קיין צייט צו זיצן זונטאג אין ביהמ"ד. כאטשיג זונטאג זאלסטו אריינקומען צום קודש הקדשים! איינער האט מיר לעצטענס געפרעגט אויב עס איז אקעי אז ער זאל אויפגעבן אביסל פון זיין לערנען, צו קענען ארבעטן לענגער, אז עס זאל זיך אים אנזאמלען גענוג געלט צו פארן קיין ארץ ישראל.

"ניין! אויסדריקליך אז נישט," האב איך אים געענטפערט, "וואס איז דער תכלית פון ארץ ישראל? צו שטייגן. און דו גייסט אויפגעבן לימוד התורה, אפילו נאר איין שורה גמרא צו רייזן? 'כל חפצים לא ישוו בה'.

אויב דו ווילסט גיין צום כותל המערבי זאלסטו וויסן אז דער ש"ס בבלי איז דיין כותל המערבי. מאך דיין ספרים שראנק מיט'ן ש"ס בבלי דערין פאר דיין כותל. דאס איז דיין הצלחה! די הצלחה פון לעבן איז ווען מען לייגט אריין אין מח דער אינהאלט פון ש"ס. דעריבער, שטעל זיך אוועקביים גרויסן ש"ס און זאל דאס זיין דיין כותל המערבי. דו ווילסט דאס אויפגעבן צו רייזן טויזענטער מיילן קיין ארץ ישראל? אויב דו ווילסט דווקא קענסטו לייגן קוויטלעך און בקשות צווישן די בלעטער פון די גמרא'ס, און דאווען צום באשפער אז דו זאלסט מצליח זיין צו ווערן א ש"ס איד.

## די ריכטיגע וועג צו בויען אן אייגענע נעסט

דער ש"ס איז אלעס פאר אונז! דערפאר זענען די לוחות געווען דער צענטער פון דער משכן ווייל דאס איז אלעס. זייט דער חורבן בית המקדש ווען דער קודש הקדשים און די לוחות זענען פארלוירן געגאנגען איז נישטא קיין חשוב'ערס ביים רבונו של עולם ווי **'ארבע אמות של הלכה'** (ברכות ח.) עס איז נישט פארהאן מער קדוש אויף דער וועלט ווי לימוד התורה.

דו מוזט פארמאגן ספרים אין דיין שטוב און דאס זאל זיין דיין שטאלץ. ס'איז זייער וויכטיג! אפילו אויב דו טראכסט נישט פון איינהאנדלען א טעלעוויזיע, אויב דו וואוינסט מיט פיר ווענט אן די וויכטיגע שותפים, וואס יעדער איד מוז האבן, וועסטו נישט אויסניצן דיין לעבן ווי עס ברויך צו זיין. יעדעס פארפאלק וועלכע הייבן אן צו שטעלן די ערשטע טריט צו בויען זייער נעסט, זאל האבן א געברויך צו אנפילן די ווענט פון זייער היים מיט פאליצעס פון ספרים.

## בויען דיין הויז פון חלומות

דאס זאל זיין דיין הויז וואס דו טרוימסט! אויב דיין ווייב וויל פורהאנגען, אקעי, ס'איז נישט שלעכט, דו קענסט איר קויפן די פורהאנגען אין אדיים און ניקל געשעפט. זיי איר מסביר - קודם פאר דיר און נאכדעם פאר איר - די שיינקייט פון א הויז וואס איז באדעקט מיט ספרים. און אפילו אויב דו וועסט אריינבליקן אין א ספר נאר איינמאל אין דיין לעבן - דו קויפסט א ספר וואס קאסט דיר צען-צוואנציג דאלער און דו נוצסט עס נאר איינמאל איז עס ווערד געווען; ס'איז געווען א מציאה רבה. דו קענסט צומאל האבן חיזוק נאר פון איין שורה און דאס האט

נישט קיין שאץ. קיין שום פרייז איז נישט צופיל פאר דעם. דעריבער, אין פאל דיין ווייב זאגט דיר, "חיים, דו האסט געניצט דעם ספר נאר איינמאל אדער אפילו דאס אויך נישט, פארוואס האסטו געדארפט אויסגעבן אזויפיל געלט?" זאג איר, "חנה'לע, הער זיך צו, אויב איך וועל אמאל ניצן דעם ספר אפילו נאר איינמאל איז ווערד געווען יעדע פרוטה וואס מיר האבן געצאלט פארדעם."

און דער אמת איז אז אפילו אויב דו האסט קיינמאל נישט אריינגעקוקט אין דעם ספר איז עס נאכאלץ ווערד געווען. נאר צו האבן די ווענט באדעקט מיט ספרים איז א סימן וואו דיין הארץ ציט. דאס זאל זיין דיין אויסשטעל און כבוד אין דיין הויז. איך זאג אלץ, אפילו דו וועסט קיינמאל נישט עפענען דעם ספר איז ווערד געווען די געלט. זאלסט קויפן די גרעסטע ש"ס וואס דו קענסט נאר טרעפן און שטעל עס אויס אין דיין הויז. די ש"ס און ספרים זאלן ווערן אויסגעלייגט אין דעם חשוב'סטער ארט פון דיין שטוב. ווען דו גייסט אריין אין א אידישע שטוב זאל נישט זיין די טשילארס און פורהאנגען וואס פארנעמען דער אויבן-אן. עס זאל זיין דער גרויסער ש"ס און פאליצעס איבער פאליצעס מיט ספרים, וואס זאלן זיין דער צענטער פון די שבת-צימער. די ספרים שראנק - דאס איז די שיינקייט פון כלל ישראל. דאס מאכט דיין הויז זאל זיין א משכן.

## דעמאנסטראציע אין ביהמ"ד

און ווען די אידישע שטוב וואס איז באדעקט מיט ספרים איז א משכן דאן איז דער ביהמ"ד דער ישיבה דער קודש קדשים. די אטמאספער אין דער ביהמ"ד איז ממש קודש קדשים. איך קען מעיד זיין, איך בין געזעצן אין ביהמ"ד אסך יארן. עס האט אן השפעה אויף דיר. נישט קיין חילוק ווי גוט דו ביסט, ווערסטו א נייער מענטש, נאר דורכ'ן אטעמען די הייליגע לופט פון די תורה.

דו דארפסט פארשטיין, "**תהילתו בקהל חסידים**," (תהילים קמ"ט, א) דער לויב פון השי"ת איז ווען א גרויסע צאָל חסידים קומען זיך צוזאם. נאר בלויז אויף דעם וואס חסידים קומען זיך צוזאמען אלס א קהל, דאס אליינס איז תהילת השם. וואס טוען זיין אין ביהמ"ד? זיי זענען דארט פאר דעם איין צוועק צו ארויסווייזן אז לימוד התורה איז וויכטיג. יעדן טאג איז דער ביהמ"ד פול מיט דעמאנסטרירערס וואס ווייזן אז לימוד התורה איז טייער. טייל דעמאנסטרירן דורך לערנען גמרא אנדערע דורך לערנען משניות. אנדערע דעמאנסטרירן בלויז דורך זיצן דארט. אבער זיי אלע ווייזן אז די תורה איז חשוב און טייער., דו באגרייפסט וואס דער דעמאנסטראציע באדייט?! גיי ארויס אין גאס און וואס זעסטו? אפילו אין א פרומע געגענט. געלט איז וויכטיג. עסן איז וויכטיג. קליידער זענען וויכטיג. און ווייסעך וואס נאך? דער ביהמ"ד איז ממש ווי נח'ס תיבה - איבערהויפט היינט. בחורים האבן חתונה יונגערהייט, דו קענסט נאכנישט ארויסגיין אויף דער וועלט. א צוויי און צוואנציג יעריגער בחור איז נאך זייער רוי. ער איז נישט מסוגל זיך צו ספראווען מיט די וועלט. ער מוז נאך זיין אין כולל פאר א שטיק צייט, אפילו ער איז נישט קיין ערנסטער לערנער, איז דארט די בעסטע פלאץ פאר אים. ס'איז א ישועה פאר אונז, ווייל לימוד התורה איז אונזער טרייסט.

## שטיצן די ישיבות

איך בין אמאל אריבער איסטערן פארקוועי און א מענטש מיט א גרויסע בארד איז מיר

אנטקעגן געקומען, "ראביי מיללער," האט ער אויסגערופן.

"ווער ביסטו?" פרעג איך אים. און ער זאגט מיר זיין נאמען. "אהווו!" ער איז געווען מיט מיר אין ישיבה יארן צוריק. ער איז געווען 'א גארנישט' ממש א 'לא כלום', עס האט אויסגעזען ווי זיין מצב איז פארלוירן און יעצט זע איך אים מיט א בארד - א פרומער איד! און ער זאגט אז זיינע אייניקלעך לערנען אין ירושלים. דאס איז אלעס צו פארדאנקען דעם ביהמ"ד. אזעלכע מעשיות קען איך דערציילן אן א שיעור.

דעריבער דארפן מיר שטיצן און שפירן א הכרת הטוב צו די ישיבות. זיי ברענגען צושטאנד יעדן איינציגן טאג, די צוקונפט פון כלל ישראל. און דאס איז נאר ווייל די אטמאספער איז אזוי גוט צוגעשטעלט - תורה ודעת, חיים בערלין, מירער ישיבה, לעיקוואוד און אויך אנדערע פלעצער. דער אויבערשטער זאל זיי בענטשן מיט א סך הצלחה און א סך שפע. און די עסקנים זאלן האבן אריכת ימים ושנים אינאיינעם מיט זייער בני בית און קינדער. ס'איז א געוואלדיגע זאך וואס זיי טוען. די ישיבות טוען אויף א געוואלד! דו באגרייפסט נישט די ריינקייט וואס מיר באקומען פון די ישיבות. די דרויסענדיגע וועלט איז א משוגעים הויז, עס איז נישט נארמאל אינדרויסן! נאר די וואס זענען אפגעזונדערט אין די ישיבות און לערנען תורה, בלייבן נארמאל.

# חלק ג'. הייבן דעם פאקל

## דו ווערסט דארפן די קאפעראציע פון דיין בני בית פאר דעם

פארשטייט זיך אז אפילו נאכדעם וואס דו פארלאזט די ישיבה צו גיין ארבעטן קענסטו בלייבן נארמאל. אבער דאס וועט פארלאנגען די קאאפעראציע פון דיין בני בית, און אזוי אויך א מאס דרייסטקייט און מסירת נפש פון דיין זייט. איך וועל דיך געבן א ביישפיל, הער זיך גוט צו, ווייל דאס מיינט דיר און אויך מיר.

מיר האבן דא אידן וואס קומען פרייטאג צונאכט'ס פון בערך, זיבן אזייגער און שפעטער און זעצן זיך לערנען ביז אין דער נאכט אריין. זיי זענען ארבעטערס, אפילו פראפעשענאלס, זיי זיצן אין שול פאר פיר שעה פרייטאג צונאכטס, אנדערע פאר ווייניגער. דאס איז דער סדר פון ערליכע אינגעלייט און ערליכע פרויען. די פרויען מוזן דאס שעצן אז עס זאל זיך אויסארבעטן. און די ערליכע ווילן דאס מיט'ן גאנצן הארץ און זיי וועלן מחזק זיין זייערע מענער. מוצאי שבת קען מען זען די זעלבע זאך, אינגעלייט קומען דא ביז שפעט אויף דער נאכט, ביז עלעוו אזייגער. מען לערנט אין קבוצות אדער אליין. דאס איז אן אויסערגעווענדליכע ערשיינונג דא אין ברוקלין.

שבת נאכמיטאג קומט מען דא לערנען, און אין די לאנגע טעג לערנען זיי א גאנצן שבת נאכמיטאג. אנדערע לערנען זונטאג נאכמיטאג. עס זענען דא פיר שיעורים אויף זינטאג און מענטשן נעמען א טייל אין אלע פיר און נאכדעם זיצן זיי ביז שפעט, צו לערנען תורה. דאס איז א ביישפיל ווי אזוי מען קען בלייבן אין ישיבה אויך נאכדעם וואס מען האט פארלאזט אירע ווענט. אזוי האט מען געלעבט אמאליגע צייטן.

## א לעבן פון מסירת נפש

א כולל אינגערמאן וואס פארלאזט די כולל און הייבט אן צו זיין פראדאקטיוו אין גשמיות מוז מאכן זיכער אז ער בלייבט צוגעבינדן צו לימוד התורה. אזא איד קען זיך נישט ערלויבן צו פארשווענדן איבעריגע שעה'ן. א לערנער, נישט קיין חילוק אויב ער איז אין כולל אדער נישט, מוז אויפשטיין פרי שבת. ער מוז פארברענגען שבת מיט'ן לערנען. מוצאי שבת קען ער נישט גיין צו מלוה מלכה'ס מיט זיין משפחה. ער קען נישט גיין באזוכן פעטער יוס'ל, אין די לאנגע זונטאגס. ער קען נישט גיין צו יעדע חתונה אין שטאט און ער קען נישט בלייבן ביז שפעט ווען ער גייט יא.

איך דערמאן זיך ווען איך בין אמאל געווען ביי א מלוה מלכה אין דער אלטער בנין און איך האב איבערגעזאגט א ווארט פון רמב"ם, (הלכות תלמוד תורה ג: י"ג) "**הרוצה לזכות בכתרה של תורה**," ווער עס וויל זוכה זיין צום קרוין פון דער תורה, "**אל יאבד אחת מלילותיו**," זאל ער נישט פארלירן אפילו נאר איין נאכט. דו דארפסט ארבעטן א גאנצן טאג, וואס קענסטו טון? אבער דו זאלסט נישט פארשווענדן אפילו איין נאכט. דו הערסט דאס?! דער רמב"ם זאגט אז דו זאלסט אפילו איין נאכט נישט פארשווענדן! דארט איז געזעצן א איד וואס האט דאס געהערט. די ווערטער האבן ארייגעדרינגען אין זיינע אויערן און ער האט זיך צוביסליך געטוישט זיין לעבן צום גוטן. ער איז געווען אן ארבעטער און ער איז געווארן א מתמיד. איינמאל האט זיין ווייב געדארפט גיין צו א חתונה אין די ריווערסייד פלאזא אבער יענע נאכט איז געווען א שיעור. ער האט געפירט זיין ווייב מיט די קאר און ער איז געקומען דא צום שיעור און נאכ'ן שיעור איז ער צוריקגעפארן איר צו אפנעמען. דאס מיינט איבערגעגעבנקייט.

אלזא, אויב דו ווילסט נישט פארשווענדן דיינע נעכט וועסטו קענען בלייבן א לערנער אלע דיינע לעבנ'ס טעג. פארגעס פון גיין צו חתונות, פארגעס פון משפחה מסיבות, יעצט ביסטו חתונה געהאט צו די תורה. קען זיין אז פרויען וועלן זיך אפרעדן, "וואספארא לעבן איז דאס? וואספארא מין לעבן איז א כולל לעבן? מיין מאן איז א ביזנעסמאן נישט קיין כולל אינגערמאן." איך וועל דיר זאגן, עס איז א מסירת נפש-לעבן, ס'איז א לעבן וואס פירט צו הצלחה! אויב דו ווילסט זיין א 'גארנישט' דעמאלט טו וואס יעדער טוט און דו וועסט מצליח זיין צו ווערן דאס וואס דו ווילסט זיין, א 'גארנישט'! אבער אויב דו האסט עפעס שאיפות און די התלהבות פון תורה ברענט נאך אין דיר, דאן איז דאס דער ציל פון הצלחה אויף דער וועלט.

## ווען פרויען זענען מחזק די מענער

וועסטו מיר פרעגן ועגן די פרויען. ווי אזוי טוען עס די פרויען? פרויען זענען מחזק די מענער צו לערנען תורה. זיי זאגן, "חיים, גיי אין ישיבה." "חיים, גיי צום שיעור." זיי זענען מחזק די מענער און ווערן א שותף אין זייער תורה, דאס איז זייער גאנצע גליק. דאס איז וואס די אידן האבן אמאל געטון. אין אייראפע איז יעדע שול געווען א פלאץ וואו מען איז געזעצן און געלערנט. א טייל האבן געלערנט א האלבע טאג, אבער אנדערע זענען געשטופט געווארן דורך די פרויען צו גיין לערנען. די פרויען האבן געפירט א קליינע ביזנעס און געטראגן דעם גאנצן עול פון שטוב און פון די מענער האבן זיי גארנישט ערווארטעט נאר אז זיי זאלן זיצן אין ביהמ"ד און לערנען תורה א גאנצן טאג.

פאר די ערשטע וועלט קריג זענען געווען אידן וואס פלעגן אריינמופן אין ביהמ"ד אינדערפרי און זיך נישט ארויסגעריקט ביז שפעט אויף דער נאכט. אזוי איז דאס אנגעגאנגען איבער גאנצע שטעט און שטעטלעך. ביי די ערשטע וועלט מלחמה איז דאס געווארן שוואכער און שוואכער. אבער יארן פריער דורכאויס אונזער היסטאריע האבן אלע שולן געהאט א גרויסע ציבור לערנערס. די פרויען האבן געמאכט זיכער אז די מענער גייען אין שול צום לערנען. די נשים צדקניות פלעגן זאגן, "דו גיי נישט ארבעטן, דו זיץ נאר און לערן און איך וועל זיך שוין מסדר זיין מיט די פרנסה." דאס איז געווען א נארמאלע ערשיינונג לענג אויס אייראפע, אפילו ווען איך בין געקומען אין תרצ"ב, ווען דאס איז שוין כמעט אונטערגעגאנגען, האב איך עס נאך געזען. די פרוי איז געשטאנען אין געשעפט און דער מאן אין ביהמ"ד.

## דער גוטער ריח פון א בן תורה

אז א מענטש פארשטייט די השקפות ווערט ער אינגאנצן געטוישט ווען ער קוקט צוריק צו כלל ישראל. ווייל יעצט פארשטייט ער ווער זענען די ריכטיגע אריסטאקראטן פון עם ישראל. דעריבער, ווען דו באגעגענסט א אינגערמאן אין ישיבה, א תלמיד חכם, ווייסטו אז ער איז דער וואס איז דער נענסטער צום קודש הקדשים, ער איז נענטער צו הקדוש ברוך הוא ווי סיי ווער. און דו ביסט אים מחשיב, דו ווערסט באגייסטערט פון אים. דאס איז וואס די גמרא זאגט, **"עתידין בחורי ישראל שיתנו ריח טוב כלבנון** - די אידישע בחורים וועלן ארויסגעבן אַן אנגענעמענע גערוך ווי די וועלדער פון לבנון", (ברכות מג:). די צייט וועט קומען ווען די תלמידי חכמים, די אינגעלייט וואס לערנען אין ישיבה וועלן ארויסגעבן אן אנגענעמע ריח ווי די צעדערביימער אין לבנון. דאס מיינט אז איין טאג וועט די וועלט אנערקענען דעם אמת, די גאנצע וועלט וועט זיך לערנען ווי אזוי צו קוקן אויף זאכן מיט א קלארע בליק. און יעדער וועט אנערקענען אז עס איז די לומדי תורה וואס שמעקן אזוי אנגענעם, זיי זענען די וואס לאזן איבער נאך זיך די בעסטע ריח וואס איז נאר פארהאן אויף דער וועלט.

אבער עס פארלאנגט זיך אז מיר זאלן אנערקענען דער אמת שוין פון יעצט. ווען דו באגעגנסט אן אינגערמאן וואס לערנט אין ישיבה זאלסטו זיך פארשטעלן ווי ער שמעקט פון רויזן. לאמיר זאגן אז דו זעסט א גרופע בחורים פון ישיבה גייען אין גאס. דו זעסט גארנישט אויף זיי וואס ציט דער אויג. זיי גייען אנגעטון די זעלבע שווארץ און ווייס, גארנישט ספעציעל, איז וואס זעסטו אין זיי?

אבער אויב דו פארשטייסט דער לימוד פון פרשת פקודי דאן פארשטייסטו אז די לומדי תורה זענען די אריסטאקראטן פון אונזער פאלק. נאך פון די צייטן פונעם מדבר האבן די אידן געוואוסט אז כלל ישראל זענען דער איינציגסטער פאלק וועלכע לערנען תורה. דאס איז די חיות פון די נשמה פון אונזערע לייט, דאס איז וואס מיר זענען. **"אין אומתינו אומה אלא בתורה,"** אונזער פאלק איז א פאלק נאר וועגן די תורה. און נאר די, וואס האלטן אן, אז די תורה זאל פליסן אין אונזערע אדערן, דערהאלטן אונז ביים לעבן. דעריבער איז עס נאר די לומדי תורה וואס זענען אונזערע אריסטאקראטן וועמען מיר קוקן ארויף און מיר שעצן. און ווי מער א מענטש איז זיך מחבר צו די תורה אלץ חשוב'ער איז ער. און ווען דו פארשטייסט דאס קענסטו האבן די ריכטיגע בליק אויף כלל ישראל. דו קענסט זיי זען אין די ליכט ווי דער אויבערשטער זעט זיי!

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

### שאלה:

**ווי אזוי קען זיך א מענטש צוגעוואוינען צו טראכטן פאר ער רעדט?**

### תשובה:

איך האב דיר שוין דאס געזאגט מער פון איינמאל, מאך אפ ביי דיר אז פאר די קומענדיגע צוויי שעה, ווען איינער וועט רעדן צו דיר וועסטו אים נישט ענטפערן נאר נאכ'ן ציילן ביז פינף. טו עס פאר צוויי שעה אין טאג. נישט קיין חילוק וואס, דו ציילסט ביז פינף פארן ענטפערן.

אויב דו האסט עס איינמאל געטון, טו עס מארגן נאכאמאל פאר צוויי שעה. און אויך די פאלגענדע טאג. נאך א שטיק צייט וועסטו זיין צוגעוואוינט צו טראכטן פאר דו רעדטסט.

גראדע, ווען דו רעדסט צו רעספעקטירטע מענטשן וועסטו באמערקן אז אפילו להבדיל גוים, לערנען זיך, נישט צו ארויסשיסן זייער מויל.

אוודאי, דו בעסטע זאך איז ווען דו ענטפערסט בכלל נישט. זייער אסך מאל - אויף קליינע זאכן - דארף מען בכלל נישט ענטפערן. אבער אויב דו מוזט ענטפערן נעם דיך דיין צייט פאר דו ענטפערסט. צייל: איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, און דערנאך קענסטו עפענען דיין מויל. דאס אליין מאכט דיר פאר א חכם אין מענטשנ'ס אויגן.

- להחזיר עטרה ליושנה -
מען דארף זייער נזהר זיין צו האלטן בכבוד'יג די עלטערען און ח"ו נישט מצער זיין
הלכות ושאלות ענינים
**כיבוד אב ואם האטליין: 845-777-8822**
צו מנדב זיין און צו שטיצן דעם גאר וויכטיגן פראיעקט רופט דעם אוטאמאטישע נדבות סיסטעם 646-860-9985